**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/28/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער געזעץ צו פארברייטערן די פובליק קאמענטארן אין דעם רעגולאציע-מאכונג פראצעדור**

***געזעץ (S.0155/A.6267) ערלויבט אגענטורן זיך צו באניצן מיט פארגעשריטענע טעכניקן ביים ארגאניזירן פובליק געהערן צו אויסהערן קאמענטארן פון די פובליק***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן א געזעץ (S.0155/A.6267) צו נאך מער פארמערן די מעגליכקייט פון די פובליק צו אנטייל נעמען אין די רעגולאציע-מאכונג פראצעדור. דער געזעץ וועט ערלויבן אן אגענטור זיך צו באניצן מיט נישט-טראדיציאנאלע מעטאדן צו אויפטרייבן מער אנטיילנעמונג פון די פובליק. די פובליק וועט אויך קענען אריינגעבן א גילטיגע פעטיציע צו אן אגענטור זיי צו אויפפאדערן צו אפהאלטן א געהער אויף א ספעציפישע כלל אדער רעגולאציע.

"מיין אדמיניסטראציע איז איבערגעגעבן צו אריבערמישן די בלאט און אנהויבן א נייע עפאכע פון עפנטליכקייט און דורכזיכטיגקייט אין סטעיט רעגירונג", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך בין שטאלץ צו אונטערשרייבן דעם געזעץ וואס מאכט א גרויסע טריט אויף פאראויס מיטן זיכער מאכן אז די ארבעט וואס מיר טוהען פאר ניו יארקער הערט זיך איין צו וואס די פובליק האט צו זאגן און אז די ביזנעס פון סטעיט אגענטורן ווערט דורכגעפירט אין עפענטליכקייט פאר די מענטשן וועם מיר דינען — נישט פון הונטן פון פארמאכטע טירן."

געזעץ S.0155/A.6267 טוישט די סטעיט אדמיניסטראטיווע פראצעדור געזעץ (State Administrative Procedure Act, SAPA) צו אויטאריזירן אגענטורן וועלכע האלטן אפ געהערן אויף פארגעשלאגענע רעגולאציעס אונטער SAPA צו נוצן נייע און פארגעשריטענע מיטלען צו פארמערן די אנטיילנעמונג אין פובליק אין רעגולאציע מאכונג, צום ביישפיל:

- באשטימען א צייט פאר די פובליק צו אדרעסירן פראגן צו די אגענטור איינגעשטעלטע;
- ארגאניזירן געהערן אלץ שמועסן ארום דעם טיש; באשטימען געהערן אין די אוונט אדער סוף וואך; און
- נוצן דיגיטאלע, בראָודקעסט און טעלעקאנפערענץ טעכנאלאגיע.

דער געזעץ פארלאנגט אויך פון די אגענטורן וועלכע זענען געדעקט דורך דעם פראגראם צו אפהאלטן פובליק געהערן אויף פארגעשלאגענע רעגולאציעס ווען זיי באקומען געשריבענע פעטיציעס מיט די נויטיגע צאל פון אונטערשריפטן פון מענטשן וועלכע וואוינען אין ניו יארק סטעיט, מיט די תנאי אז א צופרידנשטעלנדע פעטיציע ווערט ערהאלטן נישט שפעטער פון די 30'סטע טאג בעפאר דעם לעצטן טאג וואס עס איז אפן פאר קאמענטארן פון די פובליק. אגענטורן וועלכע ערהאלטן פעטיציעס נאך דעם טאג און אגענטורן וועלכע זענען נישט געדעקט אונטער דעם געזעץ האבן די אפציע צו אפהאלטן א פובליק געהער נאכן ווערן געבעטן צו אפהאלטן איינס. אגענטורן זענען געפאדערט צו נעמען אין באטראכט פארלאנגען אז א געהער זאל אפגעהאלטן ווערן אין א ספעציפישע ראיאן.

אגענטורן זענען נישט געפאדערט צו אפהאלטן פובליק געהערן פאר רעגולאציעס פאר וועלכע א געהער איז פארלאנגט דורך דעם געזעץ אבער אזא געהער איז שוין באשטימט אדער אפגעהאלטן געווארן, פאר רעגולאציעס אויף וועלכע אלעל זענען איינשטימיג, רעגולאציעס פארבינדן מיט ראטע באשטימונג אדער מיט רעגולאציעס וועלכע ווערן דורכגעפירט אויף אן עמערדזשענסי פארנעם. דער געזעץ דייט אן אז די פאלגנדע אגענטורן זענען פארלאנגט צו אפהאלטן געהערן אויב זיי באקומען א פעטיציע דערפאר אלץ א פרואוו: די ארבייטער'ס פארגוטיגונג באָורד (the Workers' Compensation Board) און די דעפּארטמענטס פון עדיוקעישען, ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Environmental Conservation), העלט, פינאנציעלע סערוויסעס, לעיבאר און פאמיליע הילף (Family Assistance).

**סטעיט סענאטאר מייקעל דזשאַנעריס האט געזאגט,** "די קאוויד-19 פאנדעמיע האט אונז געלערנט א לעקציע איבער די קריטישע וויכטיגקייט פון דורכזיכטיגקייט אין רעגירונג. מיר דארפן מקיים זיין אונזער פראגרעסיווע אידעאלן און מאכן אונזער רעגירונג אמת'דיג צוגענגליך צו די מענטשן וועם זי דינט. איך בין פרייליך אז גאווערנער האקול טיילט מיט די ווירדן און אז זי האט אונטערגעשריבן דעם געזעץ."

**אסעמבלי מיטגליד זאָרען מעמדאַני האט געזאגט,** "סטעיט אגענטורן דארפן זיין פאראנטווארטליך צו אונז, אבער זיי האבן היסטאריש זיך צו ווייניג צוגעהערט צו קאמענטארן פון די פובליק, און ווען יא — נישט ווירקזאם. איך בין שטאלץ אז דער געזעץ וועט איינפירן נייע וועגן צו האבן מער באדייטנדע פובליק אנטיילנעמונג אין די פראצעדור פון אננעמען באשליסן — צו פארברייטערן די דעמאקראטיע מער פון בלויז קענען שטימען אויפן טאג פון די וואלן און צו נאכקומען וואס עס איז ערווארטעט פון איר."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov